בעזרת השם יתברך



# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

שבת פרשת חקת-בלק
י"ב תמוז שנת תש"פ
לפ"ק

שנה 1, גליון 5

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וִוי מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן אִין שְׁטֶעטְל אִינְמִיטְן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה - מַעֲשֶׂה י"ב.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט:

הָאט דִי מְדִינָה אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ בֶּעטִין מְכֹּחַ דֶעם גִבּוֹר הַנַ"ל. וָואס זֵיי הָאבִּין פַּאר אִים זֵייעֶר מוֹרָא כַּנַ"ל. אוּן דֶער מְמוּנָה הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעעֶנְפֶערְט אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִיבּוֹר. (וָואס עֶר וֵוייסְט) הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין דֶער מְמוּנָה. אוּן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען צוּם גִבּוֹר. אוּן עֶר הָאט גִיבֶּעטִין דִי לַייט פוּן דֶעם גִבּוֹר. אוֹיבּ סֶע אִיז מִיגְלִיךְ זִיךְ צוּ זֶעהְן מִיט אִים. הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט. זֵיי וֶועלִין מֶעלְדִיוֶוען. הָאבִּין זֵיי גִימֶעלְדִיוֶועט הָאט עֶר גִיהֵייסִין. אִים אַרַיין לָאזִין.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: "מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אִין נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן, אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס דִי לַייט פוּן דִי מְדִינָה פוּן גֶעלְט הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דִי לַייט פוּנֶעם קֶענִיג - דֶער גִיבּוֹר, דֶער מְמוּנָה, דֶער מֵלִיץ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, הָאט מֶען קוֹדֶם גֶעמוּזְט 'מֶעלְדֶעוֶוען'; וָואס אִיז דִי טַעַם דֶערְפוּן? אִיז מוֹהֲרָא"שׁ מַסְבִּיר יֶעדֶעס מָאל בַּאזוּנְדֶער, אַז דָאס אִיז צוּלִיבּ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין אַ צַדִּיק, אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'דֶער צַדִּיק לֶערְנְט? - אִיךְ לֶערְן אוֹיךְ, דֶער צַדִּיק דַאוֶוענְט? - אִיךְ דַאוֶוען אוֹיךְ, דֶער צַדִּיק עֶסְט? אִיךְ עֶס אוֹיךְ וְכוּ', מִיט וָואס אִיז דֶער צַדִּיק מֶער פוּן מִיר?' דֶערְפַאר שְׁטֶעלְט מֶען אַ גַבְּאַי בַּיים טִיר אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְגֵיין צוּם צַדִּיק וֶוען מֶען ווִיל, נָאר מֶען מוּז 'מֶעלְדֶעוֶוען' - מֶעלְדְן פוּן פָארְאוֹיס, דָאס מַאכְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין פוּן צַדִּיק.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט: אוּן עֶס אִיז דָא אַ סוֹד אִין דֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיי רֶבִּי נָתָן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוּן הָאט נִישְׁט גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן קַיין שׁוּם 'תְּנוּעָה פוּן אַ גוּטֶע אִיד', הָאט עֶר שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט: "וֶוען נִישְׁט וָואס אִיךְ זֶע אוֹיפְ'ן טִישׁ צְוֵויי זִילְבֶּערְנֶע לַייכְטֶער, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי'ן"; וַוייל מֶען הָאט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְזֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַז עֶס רֶעדְט זִיךְ דָא פוּן אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ: "וֶוער עֶס קֶען מִיךְ קֶען מֵעִיד זַיין אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אִין מִיר קַיין אֵיין תְּנוּעָה פוּן אַ גוּטֶער אִיד".

אִיז דֶער מְמוּנָה אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּם גִבּוֹר. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנֶדֶערֶע דֶערְקָאנְט. אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גִיוֶוען שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת כַּנַ"ל (דְהַיְינוּ זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען וָואס זֵיי הָאבִּין זוֹכֶה גִיוֶוען זִיךְ גִיפִינֶען אֵיינֶער דֶעם אַנֶדֶערִין. אוּן הָאבִּין ווִידֶער זֵייעֶר גִיוֵויינְט. ווִי נֶעמְט מֶען נָאךְ דִי אִיבְּרִיקֶע לַייט הַנַ"ל) הָאט דֶער

<<<

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וואויל אִיז דִיר אַז דוּ גֵייסְט אַרוֹיף כְּסֶדֶר צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכַךְ"; דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים, וַוייל דָארְט אִיז אַ פְּלַאץ וָואס דִי תְּפִילּוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אִין הִימְל, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט רָאוּי.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען קֶען אַלְץ פּוֹעֵלְ'ן דוּרְךְ תְּפִלָּה, אוּן דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד פַארְמָאגְט; אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, כב): "הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב" זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סה, כ) אַז וֶוען בָּלָק הָאט גֶעזֶען וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶע'הַרְגְ'עט עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן אוּן סִיחוֹן מֶלֶךְ הָאֱמוֹרִי, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט שְׁלוּחִים קַיין מִדְיָן צוּ פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, כְּדֵי צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אִים בַּייקוּמֶען, אָמְרוּ זִקְנֵי מִדְיָן: "אֵין כּוֹחוֹ אֶלָּא בְּפִיו", הָאבְּן דִי זְקֵנֵי מִדְיָן גֶעזָאגְט אַז זַיין גַאנְצֶער כֹּחַ אִיז מִיט זַיין מוֹיל; אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, אוּן אַלֶע זַיינֶע נִצְחוֹנוֹת אִיז דוּרְךְ תְּפִלָּה, הָאט בָּלָק גֶעזָאגְט: "אַף אָנוּ נָבוֹא כְּנֶגְדָם בְּאָדָם שֶׁכּוֹחוֹ בְּפִיו."

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים תשע"ז)

גִבּוֹר זִיךְ אָנְגְערוּפְן צוּם מְמוּנֶה. אוּנְזֶער כְּשֵׁר'ער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז אוֹיךְ דָא. אוּן אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גְעזֶעהְן. אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גְעוָוארְן אַ מֶלֶךְ. הָאט דֶער מְמוּנֶה דֶערְצֵיילְט דֶעם גִבּוֹר. אַז עֶר אִיז אִיבֶּער גִיגַאנְגְען אִיבֶּער אַלֶע דְהַיְינוּ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט הַנַּ"ל. נָאר אִיבֶּער זֵיי בֵּיידֶע אִיז עֶר נִיט אִיבֶּער גִיגַאנְגְען דְהַיְינוּ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר אִיז עֶר נִיט אִיבֶּער גִיגַאנְגְען. הָאט דֶער מְמוּנֶה גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם גִבּוֹר מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְנַארִישְׁט גִיוָוארְין אוּן זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִיוָוארְין אִין דֶעם גֶעלְט בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיפַאלְין אִין אַזוֹינֶע נַארִישְׁקֵייט. הָאט דֶער גִבּוֹר גִיעֶנְפֶערְט דֶעם מְמוּנָה. דָאס וָואס עֶר הָאט גִיעֶנְפֶערְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אַז וֶוער סֶע פַאלְט אַרַיין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט קָאן מֶען אִים בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען דֶערְפוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם וֶועג וְכוּ' כַּנַּ"ל. הָאבִּין זֵיי וַוייטֶער מַרְחִיב זְמַן גִיוֶוען דְהַיְינוּ דֶער מְמוּנֶה הָאט גִיפּוֹעֶלְט בַּאם גִבּוֹר אַז עֶר זָאל דֶער מְדִינָה נָאךְ גִיבִּין אַ צַייט וַוייטֶער. הָאט זֵיי דֶער גִבּוֹר גִיגִיבִּין נָאךְ אַ צַייט. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים צְווִישְׁן זִיךְ דֶער מְמוּנֶה מִיט דֶעם גִבּוֹר.

אוּן דֶער מְמוּנֶה אִיז זִיךְ אָוֶועק גִיגַאנְגְען פוּן דֶעם גִבּוֹר אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. (אוּן דֶער מְמוּנֶה פְלֶעגְט זֵיי בְּוַדַּאי אוֹיךְ זַייעֶר שְׁטְרָאפְין אוֹיף זַייעֶר שְׁלֶעכְטִין וֶועג וָואס זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיפַאלְין אִין דֶעם גֶעלְט. נָאר עֶר הָאט זֵיי נִיט גִיקָאנְט אַרוֹיס פִירִין דֶערְפוּן. וָוארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דְרִינֶען זַייעֶר אַיינְגִיוָוארְצִילְט גִיוֶוען. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט מֵחֲמַת דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אוּן דֶער מְמוּנֶה הָאבִּין שׁוֹין פִיל גִישְׁמוּסְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין אַבִּיסִיל מְבוּלְבָּל גִיוָוארִין. אוּן זֵיי פְלֶעגִין זָאגִין. אַדְרַבָּא. נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס דֶערְפוּן. הָאטְשֶׁע זֵיי הָאבִּין זִיךְ נָאךְ גִיהַלְטִין שְׁטַארְק אִין זַייעֶר נַארִישֶׁער דֵעָה. אוּן הָאבִּין גָאר נִיט גִיוָואלְט אַרוֹיס פוּן זַייעֶר נַארִישְׁקֵייט. נָאר זֵיי פְלֶעגִין שׁוֹין פָּארְט זָאגִין אַז מֶע הָאט זֵיי גִישְׁטְרָאפְט. אַדְרַבָּא. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. אַז מִיר זֶענֶען אִין טָעוּת. נָא נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶערֶע נַארִישְׁקֵייט)

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרוֹמְגֶערֶעדְט וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם שְׁטִיקֶל: "אַזוֹי גֵייט עֶס, אַז מֶען רֶעדְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל - פּוֹעֶל'ט מֶען; נִישְׁט אַלֶעמָאל דַוְקָא אִין יֶענֶע מִינוּט, אָבֶּער צוּם סוֹף פּוֹעֶל'ט מֶען. סַיי אַ מַאן קֶען פּוֹעֶל'ן בַּיי זַיין וַוייבּ, אוּן סַיי אַ פְּרוֹי קֶען פּוֹעֶל'ן בַּיי אִיר מַאן, אַזוֹי אוֹיךְ קֶענֶען עֶלְטֶערְן פּוֹעֶל'ן בַּיי קִינְדֶער. אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ לְגַבֵּי הַפָּצָה, וֶוער עֶס גֵייט הַפָּצָה אוּן עֶר רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן זֵיי צוּ מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כָּאטְשִׁיג עֶס קֶען צוּמָאל אוֹיסְזֶען ווִי עֶר טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף אוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, אִיז דָאס אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי' נָאר מֶען פּוֹעֶל'ט צוּם סוֹף.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אֵיין טָאג מִיט אַ כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאוֹן אִין הַאנְט אוּן אִים דָאס גֶעוִויזְן, זָאגְנְדִיג: "עֶס הָאט מִיר גֶעדוֹיעֶרְט צוּ הֶערְן פִינְף יָאר דְרָשׁוֹת אַז אִיךְ זָאל מַחֲלִיט זַיין אָוֶועקְצוּוַוארְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן אוּן קוֹיפְן אַ פָּשׁוּט'עֶ טֶעלֶעפָאוֹן", הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַסְבִּיר גֶעוֶוען ווִי אַזוֹי דָאס אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען; אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהֶערְט ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט שַׁיין אַז אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז נִישְׁט גוּט, אַן אַנְדֶערֶע מָאל הָאט עֶר גֶעהֶערְט ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרֵייט, צוּמָאל הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אִים אוּן אֲפִילוּ אִים אַמָאל גֶערוּפְן אִין אָפִּיס עֶר זָאל אִים ווַייזְן אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ וְכוּ', אָבֶּער צוּם סוֹף הָאבְּן דִי דִיבּוּרִים גֶע'פּוֹעֶל'ט אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ פָּשׁוּט'עֶ טֶעלֶעפָאוֹן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְנָאךְ דֶערְצֵיילְט: "ווֶען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּ דִי (כִּתָּה ט') קִינְדֶער ווֶעגְן גֵיין אִין מִקְוֶה, אִיז אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים, אַ קִינְד פוּן אַ בֶּעסֶערֶע שְׁטוּבּ צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'רֶבִּי' (ווִי מֶען הָאט גֶערוּפְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַלְס מְלַמֵּד), דֶער רֶבִּי קֶען ווַייטֶער רֶעדְן פוּן מִקְוֶה, אָבֶּער עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס ווִי אִיךְ ווֶעל אִין מַיין לֶעבְּן גֵיין אִין מִקְוֶה, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד צוּ רֶעדְן צוּ מִיר פוּן דֶעם', אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעווָאלְט זָאגְן אַז אִיךְ גֵיי דָאס פּוֹעֶל'ן בַּיי אִים, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ ווַייטֶער גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן גֵיין אִין מִקְוֶה; לְמַעֲשֶׂה ווֶען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן סוֹף יָאר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט נִישְׁט נָאר אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, נָאר יֶעדֶעס מָאל ווֶען מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ טַייכְל, אַ וַואסֶער - אִיז עֶר גָאר גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּ כַאפְּן אַ טְבִילָה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ טוּ אוֹיס דִי קְלֵיידֶער אוּן אַ טַאנְץ אַרַיין, אֲפִילוּ אָן אַ הַאנְטוּךְ... אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין מִקְוֶה, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן דֶערְנָאךְ מִיט דִי פֵּיאוֹת נִישְׁט גֶעמַאכְט... אַזוֹי ווִי עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁ וָואס זֵיי שְׁפִּירְן עֶפֶּעס אַ סְפֶּעצִיעֶלְן טַעַם אִין אַרַיינְקוּמֶען אִין שׁוּל פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס צוּ לְכָה דוֹדִי מִיט אוּמְגֶעמַאכְטֶע פֵּיאוֹת"...

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט ווַייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אִינֶעם עִנְיָן פוּן חִינוּךְ אוּן גֶעזָאגְט אַז אַ מְלַמֵּד דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין אִין זֵיי; מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן דְרַייצְן יָאר אוּן אִים זָאגְן: "קוּם, מֶען גֵייט דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית..." "קוּם, מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה..." "מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען..." ווַייל אַז דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַייצְן יָאר פוּן זַיין לֶעבְּן אִיז עֶר גֶעזִיצְן שַׁבָּת צוּפְרִי אוּן גֶעשְׁפִּילְט שְׁפִּילֶערַייעֶן אָדֶער גֶעלֵיינְט זַיינֶע לֵיין-מַאטֶערְיַאל, קֶען מֶען נִישְׁט בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר דָאס עֶנְדֶערְן; דָאס אִיז דִי חוּרְבְּן בַּיי דִי מָאדֶערְנֶע אוּן בַּיי דִי וָואס גֶעבְּן

נִישְׁט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי חִינוּךְ, אַז בִּיז דִי דְרַייצְן יָאר וֵוייסְט נִישְׁט דָאס קִינְד וָואס עֶס מֵיינְט דַאוְוענֶען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר דַאוְוענְט אַלְץ אַ חֵלֶק פוּן דִי סֵדֶר הַיוֹם אִין חֶדֶר, אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט צוּ מִיטְ'ן גֶעשְׁמַאקְן טַעַם: "אַה, מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוְוענֶען!" עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט אַ טַעַם אִינֶעם דַאוְוענֶען, עֶס גֵייט צוּ מִיט דֶעם מֶהַלָךְ: 'אֵיי דִיד דַאוְוענִינְג, אֵיי דִיד שַׁחְרִית, אֵיי דִיד מָאוִויס, אֵיי דִיד תְּפִילִין'; וִוי צוּ זָאגְן אַז דָאס גֵייט אַרַיין צְוִוישְׁן דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף הַיינְט עֶרְלֵידִיגְן, מֶען לֵייגְט נִישְׁט אַרַיין אַ וַוארֶעמְקֵייט אוּן אַ גֶעפִיל אִינֶעם דַאוְוענֶען; מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דַאוְוענֶען פוּן יוּנְגְוֵוייז אָן מִיטְ'ן בְּלִיק אַז דַאוְוענֶען אִיז אַ חֵלֶק פוּנֶעם לֶעבְּן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דַאוְוענֶען שְׁפֶּעטֶער.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ דֶערְנָאךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ הָאבּ פַאר עֶנְק גוּטֶע נַייעֶס, בְּעֶזְר הַשֵּׁם וֶועט מֶען שׁוֹין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ (פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק) זִיךְ אַרַיינְצוּעֶן אִינֶעם נַייעֶם בִּנְיַן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַז דִי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט בַּאצָאלְט זֵייעֶר חֵלֶק פַאר דִי מוֹסְדוֹת זָאלְן זֶען דָאס צוּ בַּאצָאלְן".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: "צוּם עֶרְשְׁט הָאבְּן מִיר אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז וֶוער עֶס קוֹיפְט אַ הוֹיז אִין שְׁטֶעטְל זָאל בַּיים קְלָאוֹזְן אַרַיינְרֶעכֶענֶען דִי גֶעלְט וָואס מֶען דַארְף גֶעבְּן פַאר דִי מוֹסְדוֹת, וַוייל מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן דָאךְ סֵיי וִוי: 'דִי קָאךְ קָאסְט מִיר ...., דִי לֶענְד סְקֶעיפִּינְג קָאסְט מִיר ...., דִי "זִיוִויצֶע אוּן דְרַאטְוִויס" קָאסְט מִיר ...., נוּ לָאמִיר שׁוֹין צוּלֵייגְן נָאךְ דִי פָּאר דָאלֶער', וָואס לוֹיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן וֶוען מֶען צֶעטֵיילְט עֶס אוֹיף דְרַייסִיג יָאר קוּמְט עֶס אוֹיס צוּ נִישְׁטִיגֶע פוּפְצִיג דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, הָאבְּן גֶעוִויסֶע גֶעהַאט טַעֲנוֹת אַז דִי מוֹסְדוֹת רַייסְט גֶעלְט וְכוּ', הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען מוּז גָארְנִישְׁט גֶעבְּן פַאר דִי מוֹסְדוֹת, נָאר וֶוער עֶס וִויל גֶעבְּן זָאל גֶעבְּן, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער קוֹיפְט אַ הוֹיז אוּן עֶר בַּאצָאלְט נִישְׁט דֶעם סְכוּם הָאט עֶר מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ בַּא'גַנֶב'עֶט".

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין עֶפֶּעס וָואס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוֹיפְרוּדֶערְן אִיבֶּער זַאכְן וָואס אִיז דִיר נִישְׁט נוֹגֵעַ, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: "אִינֶעם קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה דִי וָואךְ (שְׁלַח) אִיז דָא אַזַא לִיכְטִיגֶע בְּרִיוו; אַסַאךְ מָאל בִּשְׁעַת אִיךְ לֵיין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה גְלֵייבּ אִיךְ אַלֵיין נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעשְׁרִיבְּן, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אִיךְ וֶוער נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה דֶערְפוּן", דֶערְבֵּיי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַפִּירְגֶענוּמֶען דֶעם קוּנְטְרֵס אוּן אוֹיפְגֶעלֵיינְט וָואס עֶר שְׁרַייבְּט פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן: "דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז דוּ הָאסְט זִיךְ צֶעקְרִיגְט מִיט דַיין טַאטֶע, וַוייל עֶר הַאלְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן ... אוּן דוּ הַאלְסְט אַז מֶען דַארְף יָא רֶעדְן קֶעגְן ...; עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט בִּכְלַל אַ דֵעָה אִין דִי גַאנְצֶע נוֹשֵׂא פוּן ...; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ צֶעקְרִיגְט מִיט זַיין טַאטֶע אִיבֶּער דִי נוֹשֵׂא אַז ... אִיז קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הַאלְט אַז דִי גַאנְצֶע קָארָאנֶע אוּן אַלֶע צָרוֹת וָואס קוּמְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען הָאט אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אַ צַדִיק יְסוֹד עוֹלָם, אָבֶּער עֶר (דֶער זוּן) הַאלְט אַז יֶענֶער אִיז מַמָּשׁ אָן אַפִּיקוֹרֶס.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ לֵיינֶען אִינֶעם בְּרִיוו: "בַּיי אוּנְז תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ הָאבְּן מִיר בִּכְלַל נִישְׁט קַיין דֵעָה - נִישְׁט אַהֶער אוּן נִישְׁט אַהִין, מִיר לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית. מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גַדְלוּת הַמוֹחִין, מִיר זָאלְן נִישְׁט דַאֲגָה'נֶען פוּן זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט אוּנְז", ... מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, רֶעד מֶער נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, אַלֶע דַיינֶע וֶוערְטֶער זָאלְן נָאר זַיין דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת. טוּ וָואס אִיךְ טוּ, וֶוען אֵיינֶער פְרֶעגְט מִיר וָואס אִיז מַיין דֵעָה אִין דִי פַּרְשָׁה, זָאג אִיךְ וָואס יֶענֶער וִויל הֶערְן; אַז יֶענֶער שְׁרֵייט "קָדוֹשׁ!" שָׁאקְל אִיךְ דֶעם קָאפּ אוֹיף דֶעם זַייט, אַז יֶענֶער שְׁרֵייט "טָמֵא!" - שָׁאקְל אִיךְ דֶעם קָאפּ אוֹיף דֶעם אַנְדֶערְן זַייט; וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? וָואס הָאט דָאס מִיט מַיין תִּיקוּן? אִיךְ דַארְף דָאךְ פַארְרֶעכְטְן מַיינֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ וֶועל דָאךְ פָּארְט דַארְפְן אוֹיסְטוּן דֶעם גוּף אוּן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס וֶועט מִיר הֶעלְפְן דִי אַלֶע שְׁמוּעֶסֶעלֶעךְ לְכַאן אָדֶער לְכַאן?"

"אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן שִׂיחוֹת יְלָדִים, גֶעדֶענְק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי דוֹסָא בֶּן הַרְכִּינָס זָאגְט (אָבוֹת ג, י): "שִׂיחַת הַיְלָדִים, וִישִׁיבַת בָּתֵּי כְנֵסִיּוֹת שֶׁל עַמֵּי הָאָרֶץ - מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם", שְׁמוּעֶסְן קִינְדֶערִישֶׁע שְׁמוּעֶסְן אוּן זִיצְן מִיט עַמֵּי הָאֲרָצִים - מַאכְט מֶען זָאל פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט; אַ שָׁאד צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר אוּן נִישְׁט מִיט דִיר. גֶעדֶענְק, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן."

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶעפִירְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אַנְשְׁטָאט דִי דְרֵיי פִּינְטֶעלֶעךְ אִינֶעם בְּרִיוו דָאס וָואס אִיז אִים נוֹגֵעַ, נִישְׁט נֶעמֶען דֶעם בְּרִיוו אוֹיף אֵיין סְפֶּעצִיפִישֶׁע נוֹשֵׂא, נָאר בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אִין וָואס מֶען וִויל זִיךְ מִישְׁן זָאל מֶען זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן דֶערְפוּן, בִּפְרַט דָא אִין שְׁטֶעטְל זָאל מֶען נִישְׁט בּוּנְטֶעוֶוען אוּן זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִינֶעם בּוֹיעֶן בִּשְׁעַת וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט אַ בּוֹיעֶר אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶערְצוּ.

"מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פַארְוָואס מֶען אִיז אַהֶער גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען"; אוֹיבּ בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען צוּלִיבּ דֶעם אַז דָא אִיז אַ שֵׁיינֶע פְּלַאץ - וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן אַסַאךְ שֶׁענֶערֶע פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען קֶען וואוֹינֶען; נָאר דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶעם פְּלַאץ אִיז דִי אַחְדוּת וָואס הֶערְשְׁט דָא, וִוי מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע

מַעֲשֶׂה, אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט עֶר גֶעקוֹיפְט אַ דִירָה פוּן אַ קָרוֹב וָואס הָאט עֶס גֶעבּוֹיט, "אוּן וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן קוֹיפְט אַ הוֹיז אִיז עֶר דָאךְ פַארְנוּמֶען מִיט דָאס אוּן מִיט יֶענְץ, אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט עֶפֶּעס וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גוּט צוּגֶעעֶנְדִיגְט (אוּן עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט פַארְרָאכְטְן גֶעוָוארְן עַד הַיּוֹם), דִי פֶּענְסְטֶער פוּן אֵיינֶע פוּן דִי צוּמֶערְן אִיז אַ פֶּערְטְל אִינְטְשׁ קְלֶענֶער פוּן דִי רַאם אוּן עֶס שָׁאקְלְט זִיךְ, יֶעדֶע וִוינְטֶער קוּמְט אַרַיין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע קֶעלְט, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר נִישְׁט צוּגֶעעֶנְדִיגְט דִי טִיר פוּנֶעם פָּארְטְשׁ אוּן עֶס קוּמְט אַרַיין אַ גֶעפֶערְלִיכֶע קֶעלְט. אֵיינְמָאל אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דֶער קָרוֹב, דֶער בּוֹיעֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים, אוֹיךְ מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען דָארְט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'דֶער מוֹכֵר אִיז דָאךְ יֶעצְט דָא לָאמִיר אִים וַוייזְן פוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט צוּגֶעעֶנְדִיגְט', אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן, אוּן דֶער מוֹכֵר קוּמְט צוּ אוּן זָאגְט: 'נוּ, לָאמִיר שׁוֹין זֶען וָואס פוּנְקְטְלִיךְ אִיז נִישְׁט גוּט מִיט דִי דִירָה', אוּן אִיךְ וַוייז אִים: 'קוּק דִי פֶּענְסְטֶער, עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע מָאס פוּנֶעם רַאם, עֶס שָׁאקְלְט זִיךְ', רוּפְט זִיךְ אָן דֶער בּוֹיעֶר: 'גִיס אַרוֹיף אַבִּיסְל שֶׁמֶן זַיִת וֶועט אַלֶעס זַיין מְסוּדָר...'"

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: "אִיךְ בִּין דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט, 'אִיךְ קוּם צוּ דִיר מִיט אַ פְּרָאבְּלֶעם, זָאגְסְטוּ מִיר לֵייג שֶׁמֶן זַיִת'?! אָבֶער הַיינְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר גוּט; עֶר הָאט דָאךְ מִיר גֶעבּוֹיט אַ שֵׁיינֶעם דִירָה אוּן דָא קוּם אִיךְ צוּ אִים מִיט נַארִישְׁקֵייטְן אַז דִי פֶּענְסְטֶער שָׁאקְלְט זִיךְ... הַיינְט וֶוען אִיךְ זֶע וָואס בּוֹיעֶן מֵיינְט, זֶע אִיךְ אַז מֶען מַאכְט זִיךְ נַארִישׁ מִיט שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט מֶען טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן בּוֹיעֶר הֲיִתָּכֵן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט דָאס אוּן יֶענְץ...

אוּן בְּסַךְ הַכֹּל וָואס דִי הַנְהָלָה זָאגְט קוּמְט דָאךְ פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעהֵייסְן דָאס זָאגְן; קֶען זַיין אַז זֵיי דַארְפְן דָאס זֶען צוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן אוֹיף אַ שֶׁענֶערֶע וֶועג, אָבֶער וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף דִי הַנְהָלָה רֶעדְט אוֹיף מִיר, אוּן וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף דִי אַלֶע וָואס הֶעלְפְן מִיר, רֶעדְט אוֹיף מִיר".

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט אַז אַפָּאר יָאר צוּרִיק אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וְכוּ' וָואס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֶעצְן אַנְדֶערֶע אַז מֶען דַארְף אוֹיפְנֶעמֶען אַ נֵייעֶ מְנַהֶלֶת אִין בֵּית פֵיגָא וַוייל דִי יֶעצְטִיגֶע מְנַהֶלֶת גֶעבְּט נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער גֶענוּג עֶדְיוּקֶעיְשְׁן וְכוּ', וָואס בֶּאֱמֶת אַלֶעס וָואס זִי זָאגְט - זָאגְט זִי נָאר נָאךְ וָואס זִי הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, "וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיף אִיר אִיז דָאס וַוייל בֶּאֱמֶת וִויל עֶר רֶעדְן אוֹיף מִיר אָבֶער עֶר הָאט מוֹרָא מִמֵּילָא רֶעדְט עֶר אוֹיף דִי מְנַהֶלֶת. אַגַּב, אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן וָואס הֵייסְט אַן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע פְּרִינְצִיפֶּעל, זִי הָאט דִי וָואךְ גֶעהַאט אַ קִינְד אוּן צְוֵויי טֶעג דֶערוֹיף קָאלְט זִי מִיךְ: 'רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס וֶועט לְמַעֲשֶׂה זַיין אַ קֶעמְפּ פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ?' לָאמִיר זֶען, טְרֶעף נָאךְ אֵיין פְּרוּוֹ' אִין דִי וֶועלְט וָואס הָאט נָארְוָואס גֶעהַאט אַ קִינְד, זִי לִיגְט אִין בֶּעט אוּן זִי זָארְגְט זִיךְ וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ!"

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען: "הָאסְט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז, הָאסְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דֶערִין אַזוֹיפִיל כּוֹחוֹת, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן? זֶעץ דִיךְ אַרוֹיס מִיט דַיין וַוייבּ אוּן הָאבּ הַנָאָה, דוּ ווִילְסְט מַאכְן אַ גְרִיל מַאךְ עֶס מִיט דַיין וַוייבּ, עֶס אִיז דִיר נָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מַאכְן אַ בִּילְד דֶערְפוּן צוּ וַוייזְן פַאר אַנְדֶערֶע?!"

בְּעִיקָר זָאלְט אִיר זֶען נִישְׁט צוּ זַיין קַיין בַּטְלָנִים; מֶען רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג אַז מֶען זָאל זִיךְ זוּכְן אַ רוּאִיגֶע פְּלַאץ אִין פֶּעלְד וואוּ צוּ גֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין שְׁטָאט אִיז דָאס נִישְׁט דָא, דָא הָאט אִיר הֶערְלִיכֶע פֶעלְדֶער מִיט גְרָאז אוּן בֵּיימֶער וואוּ צוּ גֵיין שְׁפַּאצִירְן, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס מוֹרָא'דִיג אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): אוֹיבּ דוּ וָואלְסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי גֶעזַאנְג אוּן לוֹיבּ וִוי יֶעדֶע גְרָאז זִינְגְט אַ גֶעזַאנְג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם פְּנִיָּה אוּן אָן קַיין מַחֲשָׁבָה זָרָה, וֶוען זֵיי זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוארְטְן זֵיי נִישְׁט מֶען זָאל זֵיי בַּאצָאלְן פַאר דֶעם שְׂכַר, "כַּמָּה יָפֶה וְנָאֶה כְּשֶׁשּׁוֹמְעִין הַשִּׁירָה שֶׁלָּהֶם", וִוי שֵׁיין אוּן וִוי גוּט אִיז צוּ הֶערְן זֵייעֶר גֶעזַאנְג וָואס זֵיי זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְטוֹב מְאֹד לַעֲבֹד אֶת ה' בְּיִרְאָה בֵּינֵיהֶם", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זַיין פְּרוּם צְוִוישְׁן זֵיי.

אֵיין זַאךְ אִיז דָא אִין שְׁטָאט וָואס אִיז נִישְׁט דָא אִין שְׁטֶעטְל, אַז וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן קוּקְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דִי הַנָאָה וָואס מֶען הָאט שְׁפִּירְנְדִיג: 'אַה, בָּרוּךְ הַשֵּׁם נָאךְ אַ גַאס הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן!' אָבֶער אִיךְ וֵויס נִישְׁט צוּ דָאס אִיז וֶוערְד, אִיךְ מַיין אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין נִסְיוֹנוֹת; הֲגַם אַז דָא דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ צוּ דִי שְׁטָאטִישֶׁע גַאסְן וואוּ דִי גוֹיִם גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן עֶקְלְדִיג אוּן אוֹיסְגֶעלַאסְן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט אַז "וואוֹינֶענְדִיג אִין בָּארָא פַּארְק הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעזֶעהְן אַ גַאנְצֶע יָאר אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ פוּן וָואס מֶען זֶעהְט לֵיידֶער אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג בְּמֶשֶׁךְ אֵיין טָאג"; מֶען זָאגְט אַז ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז יְרוּשָׁלַיִם דְאַמֶערִיקֶע, הַיינְט קֶען מֶען זָאגְן עֶס אִיז לֵיידֶער תֶּל אָבִיב דְאַמֶערִיקֶע.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: דֶער עִיקָר פוּן דֶעם פְּלַאץ אִיז דִי מוֹסְדוֹת, דִי מֶערְסְטֶע וָואס מְלַמְדִים קֶענֶען אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער לֵייגְן זֵיי אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, אִיךְ רֶעד יֶעדְן טָאג כָאטְשׁ מִיט אֵיין מְלַמֵּד, וָואס דֶער מְלַמֵּד גֶעבְּט שׁוֹין אִיבֶּער פַאר דִי אַנְדֶערֶע מְלַמְדִים וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דִי סְקוּל וִוי זֵיי קָאלְן מִיר יֶעדְן טָאג פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י"ב מִבַּעַל תְּפִלָּה - חֵלֶק ב'
פָארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת קֹרַח תש"פ לפ"ק)